THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont.
January 22nd 1913

שווארצע מחנות בושעווען ווידער

אין דער וויטער וועסט, וואו עס גרופירען זיך די מעהרסטע דייטשע און עסטרייכישע אימיגראנטען, האט ניט לאנג געטראפען אן אינצידענט. איינער א דייטש האט געהויבען זיין בעכער און האט געטאסט פאר דייטשלאנד, ארויסווארפענדיג עטליכע שארפע ווערטער אויפ'ן חשבון פון קאנאדע. געשעהן איז די מעשה אין א פארווארפען ווינקעל, עפעס אין א דערפעל פון דער פראווינץ אלבערטא. א קאנאדער סאלדאט האט די סצענע בייגעוואוינט. ער האט זיך אנגעצונדען. עס איז ארויסגעקומען א געשלעג, אין וועלכען סימפאטיקער פון ביידע צדדים האבען זיך באטייליגט.

עס איז נישט קלאהר צי דער דייטש, וואס האט געהאלטען די טאאסט־רעדע איז געווען ניכטער אדער שכור. דער אינצידענט איז אבער געווען גענוג צו אויפרייצען די „פאטריאטען" פון דער שווארצער טעגליכער „טעלעגראם" צו ארויפווארפען זיך מיט צייהן און נעגעל נישט נאר אויף די דייטשען, נאר אויף אלע אימיגראנטען פון צענטראל־אייראפע. אין דער דינסטאג'דיגער אויסגאבע פון דער „טעלעגראם" האט זיך אפגעדרוקט אן עדיטאריעלער נאטיץ, אין וועלכען מען ווארפט פעך און שוועבעל אויף אויסלענדער, און מען געהט אזוי ווייט ווי אויפצופאדערען די רעגירונגס־מענשען פון אונזער מדינה, אז זיי זאלען אומבאדינגט מאכען א גרינטליכע אונטערזוכונג וועגען דעם אינצידענט אין אלבערטא און מען זאל לעהרנען בלק מיט די דארטיגע אויסלענדער בכלל.

די „טעלעגראם" וויל נישט אנדערש אז די רעגירונג זאל דעפארטירען פון לאנד אלע „אומלאיאלע עלעמענטען" פון דער וויטער וועסט. און וועלען ווילט זיך איהר, אז די רעגירונג זאל דאס טאן וואס שנעלער, כדי וואס גיכער פטור צו ווערען פון די מערב־קאנאדער „מורדים". די „טעלעגראם" ווייסט שוין אויף זיכער, אז אלע אויסלענדער, וואס געפינען זיך אין דער וועסט, זענען ניט געטריי דעם נייעם לאנד, און מען דארף זיי דאריבער איסליפערען אין זייערע פאטערלענדער, וועלכע זיי פארגעטערען אזוי שטארק.

נישט קיין נייע ווערטער. די שווארצע צייטונגען פון אלע רעאקציאנערע און אנטיסעמיטישע דינות טענה'ן די אייגענע טענה: אויב עס געפעהלט נישט אימיצען א געוויסע מדינה — זאלען זיי נעהמען דאס פעקעל מיט'ן זעקעל און זאלען זיי זיך אפטראגען אהין, פון וואנען זיי זענען געקומען. די „טעלעגראם" איז נישט אריגינעל: זי קייט איבער די אלטע ווערטער פון די אמעריקאנישע רעאקציאנערע צייטונגען. זי איז אבער קליגער ווי פרימער און זי באזאלצט און באפעפערט דעם מערב־קאנאדער אינצידענט אויף אן אייגענארטיגען אופן, אזוי אז מען קאן מיינען אז זי איז אריגינעל.

די „טעלעגראם" איז מיט לייב־און־לעבען פאר א גרעסערער און ברייטערער קאנאדע. נאר וואס דען? זי וויל נישט, אז די רעגירונג זאל אנפילען די ליידיגע לענדערייען מיט'ן ערגסטען סארט אימיגראנטען. זי פאדערט אז די רעגירונג זאל זוכען און זיפען איידער זי לאזט אן אימיגראנט אין לאנד אריין. קאנאדע — טענה'ט די „טעלעגראם" — קאן זיך נישט פארגינען צו באזירען איהר פארגרעסערונג אויפ'ן חשבון פון צענטראל־אייראפייאישע אימיגראנטען. זי פאדערט דעם פונט פלייש. זי וויל, אז די רעגירונג זאל באשטראפען די „אומלאיאלע עלעמענטען" פון דער וויטער וועסט, און באשטראפען מיינט ביי די „טעלעגראם" - מענשען ארויסטרייבען פון לאנד.

די שווארצע מענשען פון דער רעאקציאנערער פרעסע האבען זיך זייער אייגענעם גאנג, זייער אייגענעם נוסח. זיי ווייסען נאר איין מעטאדע: אויב א יחיד זינדיגט, דארף מען פאר זיינע זינד דעם גאנצען כלל באשטראפען. אויב א דייטש האט זיך אויסגעדריקט אז קאנאדע איז ניט אזוי איי־איי־איי און האט דערביי נאך געהויבען זיין בעכער פאר זיין פאטערלאנד, דארף מען אלע דייטשען און אלע אויסלענדער אויסראטען און אויסווארצלען, נישט איבערלאזענדיג קיין זכר פון זיי. דאס שווארצע געזינדעל וועט זיך קיינמאל נישט פארטראכטען וועגען דער אמת'ער סיבה, וועגען די אמת'ע מאטיווען פון דער סיטואציע. עס קאן דאך געמאלט זיין, אז דער שד איז גארנישט אזוי שווארץ און אז דער דייטש איז גארנישט אזא גזלן ווי די מענשען פון דער „טעלעגראם" ווילען איהם ארויסשטעלען.

אבער געה טענה צו די וואנט — אז די מענשען פון דעם רעאקציאנערען לאגער האבען זיך איינגעשמועסט, אז זיי זענען די איינציגע מאנאפאליסטען פון פאטריאטיזם אין קאנאדע; געה טענה צו מענשען וואס זענען בלינד אויף ביידע אויגען!

וועגען אונזער ספארט-אפטיילונג

מיט עטליכע טעג צוריק, האט דער „זשורנאל" געמאכט א פארזוך איינצופיהרען א נייע „פיטשור", וואס איז ניט נאר א נייעס אין אונזער צייטונג, נאר אין דער אידישער פרעסע בכלל — מיר מיינען דא אונזער ספארט אפטיילונג.

קיין איין אידישע צייטונג אין אמעריקע אדער קאנאדע האט ניט אזא אפטיילונג. די איינציגע אידישע צייטונג וואס האט עס אמאהל פארזוכט צו טאן איז געוועזען די אמאהליגע „ווארהייט", וועלכע ערשיינט שוין ניט מעהר.

אידישע צייטונגען אין אייראפע האבען כמעט אלע אזעלכע ספארט־אפטיילונגען, בלויז אין דער אמעריקאנער אידישער צייטונגס - וועלט איז עס פרעמד.

ווארום זשע האבען מיר באשלאסען אזא אפטיילונג איינצופיהרען? דער ענטפער איז פאלגענדער.

מיר גלויבען אז אידען דארפען זיך אינטערעסירען מיט ספארט, מיט די אלזייטיגע ספארט־שפילערייען.

מיר גלויבען, אז אידישע לעזער וועלכע ווערען פון זייער צייטונג אינפארמירט וועגען אלעס, דארפען אויך אינפארמירט ווערען וועגען ספארט־נייעס.

און דארום האבען מיר די אפטיילונג איינגעפיהרט, און מיר באמיהען זיך עס צו מאכען אזוי אינטערעסאנט און אלזייטיג, ווי עס איז מעגליך צו מאכען אן עקספערימענט.

מיר עקספערימענטירען מיט דעם, אז זעהט זיך די „פיטשור" ארויסצייגען צו זיין פאפולער ביי די לעזער, וועלען מיר עס זיכער זוכען צו פארגרעסערען, און פארשטעהט זיך אויך פארבעסערען.

אבער ווי אזוי געפינט מען אויס צי אזא זאך איז פאפולער ביי די לעזער?

אויף דעם איז פארהאן איין וועג. די לעזער זאלען אונז לאזען וויסען זייער מיינונג וועגען דעם.

שרייבט אונז וואס איהר דענקט וועגען א ספארט - אפטיילונג אין „זשורנאל", און די בריעף וועלען ניט נאר געדרוקט ווערען, נאר זיי וועלען אויך דיענען אלס באזיס פאר דער רעדאקציע, צו וויסען וואס די לעזער דענקען וועגען דער דאזיגער „זשורנאל - פיטשור".

מיר האבען די באטרעפענדע אפטיילונג איינגעפיהרט אויפ'ן פארלאנג פון פיעלע לעזער, וועלכע האבען עס פון אונז פארלאנגט. אבער מיר ווילען וויסען, וואס נאך לעזער דענקען וועגען דעם, און די אריינגעשיקטע בריעף וועלען דארום קענען דיענען פאר אונז אלס ריכט־שנור אין אורטייל.

בריעף פון וויען

פון מ. טאנענבלאט.

אין וויכטיגען מעדיצינישען בלאט „קלינישע צייטשריפט" באהאנדעלט דער אנטראפאלאג דר. איגנאץ צאלשאן, (באקאנט דורך זיין בוך איבער ראסען טעאריס) די גוואלדיגע ערפאלגען פון דער מעדיציניש־סאניטארער אפטיילונג פון דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע אויף א באשטימטען געביט פון ספעציעלע אידישע חולאת אין מזרח אייראפא. דאס איז די „מיאוסע" דארט אזוי פארשפרייטע פארך־קראנקהייט. לויט דר. צאלשאנ'ס סטאטיסטיק, איז עס דעם דזשאינט געלונגען אויסצוהיילען ביז היינט צו טאג ניט ווייניגער ווי 6000 אידען פון דער דאזיגער קראנקהייט. אויב די דאזיגע געבענשטע דזשאינט הילף וועט דויערן נאך עטליכע יאהרען, וועט אפשר פארשווינדען אין גאנצען דער „אידישער פארך", וועלכער ווערט פון די פאליאקען אזוי שטארק פאראלגעמיינערט, אז יעדער איד הייסט ביי זיי „זשיד פארך". אין אידישען שפראכגעביט ווייזט אויס דער פארך צו זיין אן אלטע חולאת ווייל עס איז פאראן א א היבשע פארציע אידישע וויצען און גלייכווערטלאך איבער די פארכעס. „רויטע קעפלאך", „שבת הגדול", „מצרים", וכדומה אזעלכע שטעכעדיגע נעמען. פאר פסח פלעגען נעבאך די פארכעס פון שטעדטעל האבען דעם גיהנום ביים לעבען. איעדעס קינד האט זיך איבער זיי געוויצעלט. מען פלעגט אויפ'ן גאס הערען, ווי קינדער זענען שבת הגדול נאכגעלאפען אלטע אידען און געפרעגט זיי, צי זענען שוין געווען אין מצרים, וואס הערט זיך אין מצרים, וכדומה אזעלכע שטעכעדיגע ווערטלאך. אין איינצעלנע שטעדטלאך האט עס דאס יונגווארג אזוי ווייט געבראכט אז די אומגליקליכע פארכעס פלעגען זיך באהאלטען א גאנצען פאר פסח אין זייערע היימען, ניט וויזענדיג זיך אויפ'ן גאס.

איצט קומט די הילף אויך פאר זיי. ווען איך זאל ניט מורא האבען פאר דר. צאלשאן, וועלכער האט געשאפען דעם פלאן און ארגאניזירט די דאזיגע פארך־טעאריע, וואלט איך פארגעשלאגען איהם לכבוד א נייע ברכה אויסצודוּל'ן: „ברוך חופא פארכעס". און אפשר פאדינט נאר דער דזשאינט אליין דעם כבוד פון דער נייער ברכה. פאר'ן אויסהיילען 6000 אידען פון אזא געזונטער — אבער עקעלהאפטער קרענק קומט איהר ווירקליך א באזונדערע ברכה באטש צווישען די פארכעס אליין. "און וואלט דער דזשאינט אנגעהויבען די דאזיגע וויכטיגע קוראציע תיכף בשעת דער גרינדונג, יאן וואלט אפשר ניט געווען מעהר קיין אידישער פארך אויף דער וועלט...

* * *

דעם עסטרייכישען אנטיסעמיטיזם איז עס אין לעבען און אין דער געזעלשאפט צו ענג געווארען. ער האט דארום אזוי לאנג ארומגעשוועבט אין דער לופטען, ביז ער האט זיך באזעצט אין דער נאטור, כדי אנצושטעקען און פארמאס'ען די נעטליכע עסטרייכישע נאטור־שעהנקייטען. אין שטאדט און אויפ'ן לאנד קען ער זיך ניט אויסהיילען מיט זיין גאנצער ווילדקייט און ברוטאליטעט. דא איז די השפעה פון אידען, זייער ווירטשאפטליכער און געזעלשאפטליכער כח צו שטארק. אזוי, אז דער אנטיסעמיטיזם צוהוליעט זיך אין וויען, זאלצבורג, גראץ א. א. וו., שטויסט ער זיך אן אויף שטארקע אידישע געגנערשאפטען, וועלכע צוברעכען איהם די ווילדע פליגעל און ווארפען איהם צוריק אנידער צו דער ערד. אבער אין דער פרייער נאטור, אין הימלישען אלפען־געבערג, איז דער אידישער כח צו שוואך, ער זאל קאנען בייקומען די טיראלאנישע אנטיסעמיטישע אפענסיווע.

און אזוי איז עס געקומען, אז די דייטשע פאראיינען און געזעלשאפטען פאר טוריסטיק און בארג־ספארט האבען ווייט יאהרען זיך געגעבען אויף די אידען. דער עסטרייכישער אלפען־פארבאנד האט באשלאסען צו שאפען א גהעטא פאר אידען אין מיטען גאט'ס שעהנער נאטור. ניט קיין נומערוס קלאזוס, נאר טאקע א גהעטא. א אידישער נאטור־פריינד טאר אין עסטרייך ניט זיין קיין מיטגליד פון עסטרייכישען אלפען פארבאנד. א איד טאר ניט אפטרעטען אויף א מינוט, אפרוהען זיך אין די היטען (ביידלאך) וואס געפינען זיך צווישען די העכסטע בערג ספעציעל פאר טוריסטען. די היטען זענען געבויט ביז 80 פראצענט פאר אידישע געלט, אבער דעם איד וויל מען ניט מעהר אריינלאזען אהין. אויב ער פארבלאנדזשעט ערגעץ צווישען די הויכע געפעהרליכע סקאלעס און מוז פרעגען אן עצה פון היטען־וועכטער — טאר ער ניט. דער איד זאל ווייטער בלאנדזשען, זאל ער אראפפאלען און צושמעטערט ווערען אויף שטיקלאך, אבער ניט איבערטרעטען די שוועל פון אריער היטע און ניט פארשוועכען דאס ארישע היילגטום.

עס וועט אבער אזוי ניט בלייבען. די עסטרייך־דייטשע טוריסטען זענען געווארען האקענקרייצלער, אבער די סאמע נאטור ווייסט ניט און וויל ניט וויסען פון אנטיסעמיטיזם, ראסענהאס וכדומה. דער סוף וועט זיין, אז די אידישע טוריסטען און נאטור־פריינד וועלען שאפען א באזונדערען פאראיין, און אייגענעם אידישען פאראיין און אויפשטעלען אייגענע אידישע היטען און ביידלאך אויף די בערג. עס וועט נאר אלעס מוזען קאסטען פריש אידיש געלט, אבער פון ווייטען, פון די הויכע אלפען וועלען גלאנצען די העל־בלויע פארבען פון די באזונדערע אידישע היטען. פאר דער אלגעמיינער עסטרייכישער אלפען טוריסטיק וועלען אידען האפענטליך קיין געלט ניט געבען. די אהיעף וועלען אודאי ניט געבען, ווי זיי האבען קיינמאל ניט געגבען, נאר ארומפאריאטעווען מיט'ן מויל. און אזוי וועט אין 10—15 יאהר ארום איינפאלען די לעצטע ארישע היטע אויף די בערג. רעגען און ווינט וועלען זיי צוטראגען און עס וועט ניט בלייבען קיין שריד ופליט פון האקענקרייצלערישער משוגעת אין דער נאטור.

אבער די אידישע היטען וועלען שטעהן פעסט און שעהן. אהין וועט מעגען אריינקומען יעדער פארבלאנדזשעטער טוריסט אין געבערג: איד, קריסט, מאכמעדאנער, בודהיסט און אטעאיסט — יעדער מענש, וועלכער ליעבט די נאטור און פארבענקט זיך נאך איהר פון צייט צו צייט.

דאס האקענקרייצלערישע משוגעת אין דער נאטור וועט אויך ניט מאריך ימים זיין.

וויען, אויגוסט. (איטא).

דער פאלעסטינא פאוויליאן

אויף דער בריטישער אימפעריע אויסשטעלונג.

פון ב. ארגוס.

איך בין זיכער, אז קיין איד, וועלכער איז א באזוכער אויף דער וועמבלי־אויסשטעלונג, געהט ניט דורך דעם פאלעסטינא פאוויליאן אהן הארץ קלאפעניש. קיין איד, —עס מאכט ניט אויס צו ער איז א ציוניסט, אדער א געגנער פון דעם געדאנק פון אויפלעבונג פון אידישען פאלק דורך ארץ ישראל. קיין איד — און ניט נאר קיין גאנצער איד, נאר אפילו די האלב פערטעל און גאט ווייסט וואס נאך פאר א תשבורת־אידען — וואס מיר פארמאגען אזוי פיעל און וועלכע האבען אפשר מיט זיך פארגעשטעלט די מעהרסטע צאהל באזוכער פון דעם פאלעסטינא פאוויליאן, זייענדיג דער רייכערער עלעמענט ביי אונז, שטעלען דא מיט זיך אויך פאר די גרעסטע צאהל טוריסטען.

קיין איד — און ניט נור קיין נאציאנאל־געשטימטער איד, נאר אפילו די אלערליי גאניץ־האלב און דריי־פערטיל אסימילירטע אידען — וואס דערזעהט פון דער ווייטען די שניי־ווייסע געביידע פון דעם פאלעסטינא פאוויליאן, דערנעהענטערט זיך ניט צו דעם דאזיגען ווייסען ארץ ישראל בנין אהן א טיאבקעניש אין הארצען.

— וועלט־מיר דארט כאטש ניט פארשעהמט ווערען?

אריענטאליש־אויסגעהאלטען איז דער סטיל פונ'ם פאוויליאן. ברייט־נידריג, מאסיווע ווענט מיט קופאלען, וואס גלאנצען אין דער זון... און אין דער ארומיגער פיעל קאלירענדיגקייט פון דער אויסשטעלונג שטעהט אויף פאר אייערע אויגען א וויזיע — א וויזיע פון זוניגען לאנד און שאטען פון פאלמען־בוימער, א וויזיע פון גאלדענע זאמדען און ווייסע ארבישע מאנטלען.

עס מוז דאך אייך אנגעהמען א שטאלץ ווען איהר שטעהט פאר אט דער געביידע, וואס שטעלט פאר מיט זיך אפיציעל פאלעסטינא — א טייל פון דער גרויס בריטישער אימפעריע — אויף דער וועמבלי אויסשטעלונג. עס גאלדען זיך אויף די ווייסע ווענט די העברעאישע אותיות פון די אויפשריפטען, עס זענען אויך דא אראבישע אויפשריפטען מיט א מין געדריידעלטען רש"י־כתב, נאר אינווענינ, אויף דער אויסשטעלונג גופא, איז נישטא גארנישט אראבישעס. די אראבער האבען באיקאטירט די אויסשטעלונג און זייערע פראדוקטען אהער ניט צוגעשיקט...

און אז איהר געהט אריין אינעווניג, אין די שעהן דעקארירטע זאלען, איז דאס ערשטע, וואס עס ווארפט זיך אין די אויגען, זענען נאטירליך די אגריקולטורעלע פראדוקטען. קאסטענס און קעסטלאך מיט אלערליי פרוכטען, סאליקעס און אלערהאנט גלעזערנע געפעסען, אנגעפילט מיט ארץ ישראל אייל און ארץ ישראל ווינען; מוסטערן פונ'ם טאבאק פלאנץ, וואס ווערט קולטיווירט אין פאלעסטינא, פארנעהמט זעהר א פראמינענט ארט. עס ווייזט זיך ארויס, אז די קולטיווירונג פון טאבאק איז פאר די לעצטע צוויי יאהר זעהר געשטיגען אין ארץ ישראל. אבער דערהויפט ווארפען זיך אייך אין די אויגען צוויי זאכען — וויין און גאלדענע, גרויסע זאפטיגע אראנזשען. אט די לעצטע האבען גאר אויסגענומען ביים עולם בעזוכער און האבען זיך קונה שם געווען. ווי בעקאנט, ווערען אין די פארשידענע פאוויליאנען פארקויפט די אויסגעשטעלטע פראדוקטען פון לאנד. דא, אינ'ם ארץ ישראל פאוויליאן, ווערען פארקויפט וויין און אראנזשען (פאמעראנצען) איז אט די יפו'ער פאמעראנצען זענען געווארען א גרויסע צוציהונגס קראפט פאר די בעזוכער. און בעזוכער דארפט איהר וויסען, זענען אין דעם פאלעסטינא פאוויליאן דא זעהר א סך, ווייל ניט נור אידען, נאר אפילו די ניט אידישע בעזוכער פון דער וועמבלי אויסשטעלונג וועלען אפשר דורכלאזען א פאוויליאן פון מזרח אפריקא, פון ניי־זעע־לאנד און אנדערע, גרעסערע צו קלענערע, ענגלישע קאלאניעס. אבער דאס פאלעסטינא פאוויליאן וועלען זיי בשום אופן ניט דורכלאזען. ענגלענדער — אפשר די גרעסטע ביבעל פארעהרער אין דער וועלט — האבען דעם גרעסטען אפשיי פאר פאלעסטינא, ווי פארן לאנד, פון וואנען די ביבעל קומט ארויס. אויסערדעם איז דאך ארץ ישראל פאר די לעצטע פאר יאהר געווארען כמעט א סענזאציע אין דעם פאליטישען לעבען פון ענגלאנד.

מיט א צייט צוריק האט דאס ענגלישע קעניגליכע פאר בעזוכט די אויסשטעלונג, און זי גוואלדיג געלויבט. שפעטער אביסעל האט מען פון דעם פאלעסטינא פאוויליאן צוגעשיקט דעם ענגלישען קעניג א מתנה א אייניגע קעסטלאך יפו'ער פאמעראנצען. און זינט דאן זענען די דאזיגע פאמעראנצען אזוי פאפולער געווארען אין ענגלאנד, אז אין איינעם פון די לעצטע טעג זענען פארקויפט געווארען טויזענט שטיק פאמעראנצען צווישען פובליקום, וואס האט בעזוכט דעם פאלעסטינא פאוויליאן.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז די "פרדס" קאמפאניע — די געזעלשאפט וועלכע עקספארטירט די פאמעראנצען פון יפו קיין לאנדאן — האט ברעה אנגעהויבען א רעגעלמעסיגען עקספארט פון ארץ ישראל פאמעראנצען קיין ענגלאנד.

אבער ניט נור פאמעראנצען — אויך פאלעסטינער וויין, פערלמוטער, זייף און אנדערע פראדוקטען האבען א גרויסען אפזאץ אינ'ם פאלעסטינא פאוויליאן, עס קומען אן פיעל אנגרא־בעשטעלונגען. דרום אפריקא, צום ביישפיעל האט געגעבען א גרויסע בעשטעלונג אויף וויין (אגב, דער וויינהאנדעל פון דרום אפריקא ליגט אין א גאנץ בעדייטענדער מאס אין די הענד פון דארטיגע אידישע סוחרים).

ווייטער אביסעל אויף דער אויסשטעלונג זעהט איהר פראדוקטען פון דער פאלעסטינא אינדוסטריע — מעהל, זאלץ, ציגעל און אייל... אויף די ווענט הענגען קארטעס דיאגראמען "איינצושפאנען" דעם ירדן, כדי צו פארזארגען ארץ ישראל מיט עלעקטרישער קראפט און איריגאציע.

דא געפינט זיך אויך א רעגירונגס־אויסשטעלונג, וועלכע בעווייזט פאר אייך וועלכע אייזענבאהנען, שאסייען און וועגען זיינען שוין דורכגעלעגט געווארען, און וואס זיינען די פלענער פאר נייע וועגען, וועלכע זאלען פארבעסערען און פארגרינגערען דאס ארומפאהרען איבערן לאנד און אויף אזא אופן אויפהויבען אויך דעם מצב פונ'ם ארץ ישראלדיגען האנדעל. די ארץ ישראל רעגירונג אילוסטרירט אויך פאר אייך איהרע אויפטועכצען און פלענער אויפ'ן געביט פון בילדונג, געזונדהייטס־סאניטאציע און אז. וו. ווייטער.

אן אינטערעסאנט ווינקעל איז די אבטיילונג, וואו עס ווערען געוויזען די פראדוקטען פון דער פאלעסטינער האנדווערקעריי און קונסט אויסארבייטונגען. מען זעהט דא וואס די "בצלאל" שולע טוט אויף. איהר זעהט דא פאר זיך תימנ'ער ספעציאליסטען אין מעטאל אויסארבייטונג, וועלכע נעהמען אן מיט זייער ארבייט פאר די בעזוכער אין די אויגען. די תימנ'ער אידען און דאס איינציגע תימנ'ער מיידעל אויף דער אויסשטעלונג רופען בכלל ארויס א פוראר מיט זייער אויסזעהן, מיט זייער קליידונג און זייער העברעאיש ריידען... זיי גיבען צו א סך לאקאלען קאליר און פארב דעם פאלעסטינא פאוויליאן.

איהר זעהט דא מוסטערן פון די אויסארבייטונגען פון די חברונ'ער גלאז־פאבריקען, העכסט אינטערעסאנטע קינסטלערישע מאדעלען פון דעם פארצייטיגען משכן און פון דעם ערשטען בית־המקדש וועלכען שלמה המלך האט געבויט, ווי אויך, א מאדעל פון דעם בעריהמטען מאכמעדאנישען אמאר־מעטשעט, א. א. וו. און א. וו. אויסארבייטונגען פון האלץ, קונסט ארבייטען אין מעטאל פילען אן דעם פאוויליאן. און יעדער בעזוכער קויפט זיך עפעס א זאך פון ארץ ישראל צום אנדענקען.

און ארום און ארום דרעהען זיך אלץ אלערליי אידישע טיפען, אידישע, אידישע פנימ'ער, אידישע נעזער, — דרעהען זיך ארום און ווילען עפעס אלץ ניט אוועקגעהן, כאטש זיי האבען שוין אלץ געזעהן... וואס נאך? נאר מען שטויסט זיך דאך אלץ: עס איז דאך עפעס "אונזערס" אן אייגענע, א אידישע שמחה... איז ווי געהט מען עס אוועק פון דאנען גלאט אזוי? די פנימ'ער שטראהלען אזוי, זיינען פארטון גוואלטיג. מען ווארפט פון דער זייט שטאלצע און פרעגענדיגע בליקען אויף די "פרעמדע", אויף די ניט אידישע בעזוכער:

— האבען מיר זיך כאטש מיט וואס ניט צו שעהמען געגען "זיי"?

— איז עס זיי כאטש געפעלען?

— נעהמט עס ביי זיי אוים?

— און עס ווייזט אויס, אז יא.

— דער קליינער, ווייסער פאלעסטינא, פאוויליאן נעהמט אויס ביי אלעמען, — ביי אלע בעזוכער.

מיט געזאנג און טענץ

די ערעפענונגס פיעסע פון אונזער טעאטער־סעזאן.

פון מעפיסטאפעל.

—):0:(—

עס איז שוין הפנים א טראדיציע אזא, אז מען זאל ארויספאהרען אויפ'ן גרויסען טעאטער־יארוד מיט א מעלאדראמע, מיט געזאנג און טענץ, מיט שרייענדיגע סצענען און הימעל שפאלטענדע עפעקטען.

"מענשליכע הערצער" איז א טראדיציאנעלע מעלאדראמע פונ'ם סקארבארען שניט, וועלכע האט שוין זיך אויף דער אידישער ביהנע איינגעבירגערט. די מעלאדראמע פארמאגט אין זיך אלע געבעלדיגע און לאטיינערישע חסרונות, אלע נערוועו־רייסענדיגע אטריבוטען פון זאלאטאראוועסקים און קאלמאנאוויטש'עס "קונסט־ווערקע".

אין דער מעלאדראמע איז דא פון כל טוב: א ווארדען פון א געפענגעניש, א מערדער, אן אומשולדיג־פאראורטיילטע פרוי, א גרינע פלימעניצע, א אידישער פארמער, א רייכער ביזנעס־מאן, א שאפיר א כוואט וואס ברענט א וועלט, אן אלט פאריל וואס מאכט פרעהליך, און די באריהמטע, פון אלעמען אויסגענוצטע וויינענדיגע און בליפענדיגע יתומה'לע — די "פארוויאנעטע בוימעלע", וועה דער מאמע'ן.

עס מאכט ניט אויס, וואס דער מחבר פון די "מענשליכע הערצער" הייסט אויפ'ן פראגראם־צעטעל "בן־צבי". אונטער דער הויט פונ'ם אנאנימען מחבר לעבט אבער דער באקאנטער, פראדוקטיווער און צו אליץ־טויגענדיגער מענש, וואס האט די אידישע ביהנע מיט א מבול פיעסען באגליקט און האט די קעשענעס פון די אידישע טעאטער־מענשען מיט גאלד און זילבער אנגעשטאפט.

ווען מען שפילט די מעלאדראמע ווי עס שטעהט און געהט, אהן "טרימינס" און אהן זייטיגע עפעקטען, וואלט עס ארויסגעקומען אומטעגליך. א מענש — ווי להוט ער זאל ניט זיין נאך טרעהרען און אויקענישען — האט אבער קיין חשק ניט צו אויסזיצען א לאנגען אוונט און זיך באדען אין טרעהרען. האט מען מהאי טעמא אריינגעפלאכטען אינ'ם שפיעל פארשידענע קופליעטען און קאמישע ליעדלאך, אזוי אז דער עולם ווערט געהאלטען געשפאנט פון דער מינוט וואס דער פארהאנג הויבט זיך אויף, ביז דער לעצטער סצענע, ווען דער פארהאנג פאלט.

מילא — ליעדלאך זענען ליעדלאך. זענען שוין אבער געוויסע ליעדלאך געווען אביסעל צו פעפערדיג אפילו פאר אזא מעלאדראמע ווי "מענשליכע הערצער". סיידי שעהנגאלד'ס קופליעטען זענען געווען צו קיצעלדיג — אפילו פאר א קיצעלדיגען עולם, און ווען עס ווערען ארויסגעלאזען עטליכע "פזמונים", וואלט דער עולם אסור פאראיבעל געהאט. סיידי פארמאגט אין זיך פייער, און זי דארף כלל ניט אנקומען צו קיצעלדיגע קופליעטען, כדי אפלאדיסמענטען צו ארויסרופען.

ווער עס האט געשפיעלט בעסער און ווער ניט — לאזט זיך נאך דערוויל ניט באשטימען. די מענשען זענען ניט אלע נייע. עטליכע פון דער נייער טרופע האבען שוין אמאל געשפיעלט טעאטער אין אונזער שטאדט. אנדערע קומען פון די ניו־יארקער און שיקאגא'ר אידישע טעאטערס. "מענשליכע הערצער" איז ניט דער מאסשטאב, לויט וועלכען מען זאל זיך קאנען קונה זיין א באגריף וועגען דער פעהיגקייט פון דעם אדער פון יענעם אקטיאר. דער סעזאן איז נאך גרויס, און עס וועט נאך אויסקומען ניט איינמאל וועגען אונזער היימישער ביהנע צו שמועסען.

די מעלאדראמע איז דורכגעפיהרט געווארען פון יצחק האניגמאן, אלס הערמאן גאטליעב, דער רייכער ביזנעסמאן; הענריעטא שניצער, אלס זיין פרוי, נעטי; סעם אויערבאך, אלס אברהם, הערמאנס פאטער; אנעטא ראזענטאל, אלס שרה, נעטי'ס מאמע; סיידי שעהנגאלד, אלס חנה די גרינע פלימעניצע הערמאן, חיים יאבליקאוו, אלס דער שאפיר מייק; יעקב גאלדשטיין, אלס נייטען לאקס, הערמאנס שותף; סעם גערטלער, אלס זיין זוהן, איזידאר; סיימאן פאסקאל, אלס פארמער גאלקין; נעטי פיין, אלס העלען; קלארא האניגמאן, אלס די דערוואקסענע העלען;

יעקב גאלדשטיין האט אויך דורכגעפיהרט די ראליע פון דזשאהן קליפטאן, דער געפאנגענער.

הענריעטא שניצער האט געריהרט מיט איהר היסטעריק, מיט איהרע סצענען און געוויינען, בעת זי ווערט אריינגעבראכט אין ווארדענס אפיס, וואו זי דערוויסט זיך, אז זי איז אומשולדיג פאראורטיילט געווארען — אז דער אמת'ער מערדער פון איהר געליעבטען איז נאר דזשאהן קליפטאן.

געצאפעלט ווי א פיש אין וואסער האט זיך חיים יאבליקאוו, דער שאפיר וואס האט א גרינע געליעבטע און פאהרט זעכציג מייל א שעה אויף זיין אטאמאביל. יאבליקאוו איז פול מיט "פעפער", מיט באוועגונג און לעבעדיגקייט. ער טאנצט ווי א מזיק און שוועבט ווי א ווייבער איבער דער ביהנע, אונטער די טענצעלדיגע טענץ פון זיין באגלייטערין — סיידי שעהנגאלד.

א שעהנע שטים פארמאגט סיימאן פאסקאל. דאס אלטע פאאריל אנעטא ראזענטאל און סעם אויערבאך, ווארפט אנעקדאטען פון ארבעל און ניסט אריין א הומאריסטישען אקארד אינ'ם סקארבארען שפיעל.

די אנדערע מענשען פון דעם ספעקטאקעל האבען געהאט צו זינגען און צו זאגען, אזוי אז עס האט געקאנט קלעקען אויף עטליכע טרופעס און עטליכע ספעקטאקלען. נעטי פיין, דאס מיידעלע וואס האט זיך פאראיאהרען אויסגעצייכענט אין פארשידענע מעלאדראמען און אפערעטעס האט געשפיעלט די ראליע פון דער קליינער העלען, און זי האט געזונגען א באנגליך ליעדעל, אזש א הארץ פון א טאטער האט געקאנט צושמאלצען ווערען ווי חלב...

דער עולם איז ניט געווען קארג אויף אפלאדיסמענטען, און האט די שפיעלערס אויפגענומען מיט ברייטע ארמס. דעם גרעסטען חלק האט אבער געקראגען נעסי דזור...

אויסגעמאטערט די גאנצע צייט

נערוועז האבען ניט געלאזט רוהען

פארלייכטערט ביי לידיא ע. פינקהעם'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד.

הערעאסמיטה, אנטעריא.—"איך האב איינגענומען אייער מעדיצין איידער מיין בייבי איז געבוירען געווארען און עס איז פאר מיר געווען א גרויסע הילף, ווייל איך בין געווען זעהר שלעכט־אפ ביז איך האב עס אנגעהויבען איינצונעמען. איך האב פונקט געפיהלט ווי איך וואלט די גאנצע צייט געווען אויסגעמאטערט און איך פלעג חלש'ן. מיינע נערוועז פלעגען מיר באדערען און כ'פלעג ניט קאנען רוהען בייטאג און ביינאכט. מיינע א פריינדין האט מיר געזאגט אז איך זאל איינעהמען לידיא ע. פינקהעמ'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד. איך האב אויסגענומען בלויז עטליכע באטעלס, און עס האט מיר געהאלפען וואונדערבאר. איך וואלט עס רעקאמענדירט צו אירגענד־וועלכער פרוי. איך טו וואס איך קאן צו פאבליקען דיזע גוטע מעדיצין. איך לייה דעם קליינעם ביכעל צו וואס איהר האט מיר געשיקט צו יעדען איינעם וואס איך קאן העלפען. איהר קאנט מיט'ן גרעסטען פארגעניגען געצען מיין נאמען אין באצוג צו די וועדזשעטייבעל קאמפאונד אויב עס וועט דיענען צו העלפען אנדערע."— מרס. הארווי מיליגאן, ר. ר. נומער 2, הערעאסמיטה, אנטעריא.

אין לעצטען "קענוועס" פון קויפער פון לידיא ע. פינקהעמ'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד זענען דערהאלטען געווארען מעהרער ווי 100,000 ענטפערס און 98 פון יעדע הונדערט האבען געזאגט אז זיי ווערען געהאלפען דורך איהר געברויך. דיזע מעדיצין ווערט פארקויפט ביי אלע דראגיסטען.

אלטער איד שטארבט פון שרעק ווען גנבים רייסען זיך אריין אין הויז

ניו־יארק, סעפטעמבער, 10.

סעמיועל טוידק, 61 יאהר אלט, איז אזוי איבערגעשראקען געווארען ווען צוויי גנבים האבען זיך אריינגעריסען אין זיין הויז דאס ער איז פון שרעק געשטארבען.

די רויבערי איז פארגעקומען ארום אכט א זייגער אין דער פריה. מען האט אנגעקלאפט אין טיר און ווען מען האט די טיר געעפענט האבען זיך אריינגעריסען צוויי נעגער. זיי האבען געבונדען טוידק'ס פרוי און צוגענומען אלע ווערטפולע זאכען פון הויז.

פיילס

לייד ניט נאך א טאג פון בייסענדע, בלוטענדע און שמערצליכע פיילס. קיין כירורגישע אפעראציע נויטיג. דאקטאר טשייס'עס אינטמענט וועט אייך אידער פארלייכטערן און אייך געבען רוהיגען שלאף. 60ס. א באקס; אלע דילערס, אדער: עדמאנסאן, בייטס און קאמ. לימיטעד, טאראנטא. סעמפעל באקס פריי, אויב איהר דערמאהנט די צייטונג און שיקט 2 סענט פאר פאסטעדזש.